STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04590

MIT ALEMEN TSUZAMEN

Mendl Lifshits

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ליפשיץ

מיט אלעמען צוזאמען

לידער

מעלוכע־פארלאג פון ווײַסרוסלאנד
מינסק—1939

ערשטער אָפּטייל

נאָך שענער

צו דער ווײַט

ווײַט, איך פארלאנג פון דיר איינס, —
זאָלסט מיר אייביק געפעלן,
אין אויגן אין מײַנע די שײַן,
זאָלסטו קיינמאָל ניט שמעלן.

זאָלסט זײַן מיר א פרײַנט,
איך זאָל גריסן
אָן אופהער דיך קענען.
און די וועלט,
וואָס איז וווּנדערלעך היינט,
זאָל איך ויסן
ועט ווערן נאָך שענער...

* * *

מיר זײַנען הײַנט פּאַסטעכער,
זוכן אַ שאָטן;
מיר זײַנען הײַנט זינגער,
און מאָרגן פּילאָטן.

מיר זײַנען הײַנט אַרבעטער, —
וועוורקעס פֿינגער,
און מאָרגן באַלוינט איז
דער פּאַסטעך און זינגער.

אַ גרויסע גערעטעניש
האָסטו געכאָוועט —
אַכט דיך מײַן היימלאַנד
און גיט, דיר אָפּ קאָוועד.

האָסטו די וואָלקנס
אַריבערגעשטיגן,
לויבט דיך מײַן היימלאַנד
און בענטשט דײַנע זיגן.

גייסטו פֿאַרבאָרגענע
אויצרעס געפֿינען, —
גייט דיר אַנטקעגן
מײַן גאַנצע מדינה.

ברעכ דאָס פאריגלטע,
קעמפ, דו זאָלסט זיגנ!
וועסטו א נאָמענ
א כאָשעוונ קריגנ.

וועט יעטווידער איינער
דייַנ נאָמענ דערהערנ,
אונ אינ מייַנ היימלאנד
בארימט וועסטו ווערנ.

אונ יעטווידער איינער,
אונ אלע צוזאמענ,
אונ טיפ אינ די הימלענ,
אונ וויַיט אינ די יאמענ.

מײַן שטערן

געבוירן כ'בין אונטער א מאזלדיקן שטערן,
א שטערן וואָס געוווּנען האָט א לאַנד אין קריג;
באַ אָט דעם לאַנד וועל איך א גרויסער זינגער ווערן,
ווײַל דער שטערן לײַכט צו מיר אין ליד.

כ'האָב אין קינדהײַט ניט געגלייבט, אז כ'לעב,
און אין דער יוגנט גלייב איך ניט, אז איך וועל שטארבן;
ס'וועט זײַן מיר שווער זיך שיידן מיט דער ערד,
וואָס האָט אזוינע וווּנדערלעכע פארבן.

1936 יאָר.

מײַן וואָרט

ס'זײַנען דאָן אַרויס אין שלאַכט
אַף אונדזער היים די ווײַסע פּוילן.
האָט געפּאַקט אַ פּויל פֿאַרנאַכט
פֿלוג־בלעטלעך אַ יונג צעטײלן.

— אַך, אַזוי, אַ באָלשעוויק, —
דער יונג האָט ניט דערווידערט;
ניט געלאָזט האָט מען צוריק
צו פֿרײַנט אים און כאַווײרים ווידער.

אין אַ צימער קאַרג מיט ליכט,
האָט מען אים געבראַכט אין רינגען;
קורץ געווען איז דער געריכט,
מע האָט געהערט ווי שפּאָרן קלינגען.

„פֿאַר דעם און דעם, פֿאַר דעם, וואָס בונט
און אומרו האָט זײַן וואָרט געזייט, —
האָט דער געריכט באַשטימט—אים קומט
די שטראָף די סאַמע העכסטע—טויט".

איך בין אַ קינד געווען נאָך דאַן,
הײַנט זוך איך ווערטער אויך אַזוינע,
מיר זאָלן דריקן פֿרײַנט די האַנט!
און טויט זאָל ווינטשן מיר דער סוינע.

לידער

דוירעס קומען לידער הערן,
הערן, זינגען און צעשטערן;

נאָר דער דיכטער, דער צעשטערער,
דער יונגאטש, דער בלוילעך קלאָרער,
ווייס ווי שעצן און ווי ערן
דעם, וואָס האָט א ליד געבאָרן.

זײַן געליבטער—אין פארנאכט ווען,
ווען ער גייט דורך גאסן גרינגע,
פול מיט צארטקײַט און מיט אכטונג —
לייענט ער א ליד דעם זינגערס.

אָדער גאָר אפ פלאץ אפ ברייטן,
ווען עס רופט זײַן ליד צו זיגן!
און דער אוילעם פראלט פון פרייד אוף,
פלוצלינג שאלט דורך נאָך א ניגן.

ס'הערט דער אוילעם, הערט און גאפט,
הערט און גאפט ביז בלוט פארכאפט.

א ווײַלע בלײַבן העלדזער שטום,
ווען ער ענדיקט. נאָכדעם—רום,
קלינגען זיי ארויס פון שטים,
פּאטשן זיי ארויס פון הענט,
וויגן זיי איבער די קעפּ,
צום דיכטער, וועלכער לעבט,
צו דעם, וואָס האָט געלעבט...

1930 יאָר.

רעגעס

אָ, קלײנע רעגעס פון דער ערד,
איר זײַט װי אײביקײַט מיר טײַער;
װען ס׳זאָל מיר טויזנט מאָל באשערט
דאָ גליװער זײַן,
פארביטן װאָלט איך אים אף אײנמאָל פײַער.

אף אײנמאָל דורכגײן מיט געזאנג,
מיט פולער הארץ פון קלאָרע װײען,
און פילן בענקענדיק דעם קלאנג
פון טריט, װאָס קומען און פארגײען...

װען איך זאָל אײביק גליװער זײַן,
כ׳װאָלט אײביקײַט פארביטן אף אײן רעגע
פון לײד,
פון פײַן
און פון געזאנג,
פון שלאכט און אומרוען אנטקעגן...
אָ, קלײנע רעגעס פון דער ערד!..

אָט אזוי הייבט זיך אָנעט די ליד

אָט אזוי הייבט זיך אָנעט די ליד,
אָט אזוי ווערט געבאָרן דער ניגון, —
א בענקענדער איינער פארציט,
אז זיין בענקשאפט זאָל ווערן אנשוויגן...

באם שליאך גייט א צווייטער פארביי,
מיט א בליק, מיט א פולן פון טיינעס.
דערהערט ער דעם שטילן געזאנג,
ווערט ער אים נאָענט, ווי זיינער.

און פלוצלינג א מאכנע קומט אָן פון א גאנג,
פון א וועג,
פון א שווערן
און מידן...
— ברידער,
אָט דאָס איז דאָך אונדזער געזאנג,
צעלאכן זיך באָכערים הויך און צופרידן...

און אפ די פאָנען,
און אפ די קעפ,
טוט מען א וויג אָט דעם ניגון,
טוען זיך קעלכער פון ברוסטן א שעפ,
פאלן געזאנגען און ווערן פארשוויגן.

א וועג צו א וועג,
און אַ שליאַך צו אַ שליאַך,
עס ענטפּערן שטרעקעס,
עס זינגען די ווײַטן,
גייט מען אַרויס מיט דער ליד צו דעם שלאַכט,
גייט מען אַרויס מיט דעם ניגון אין שטרײַטן,

טוט אַ קריגער אין ראַנגל אַ וואַלגער זיך שווער,—
אַ צווייטער, אַ יונג—שוין דערנעבן;
ס'איז אַזאַ זינגעוודיק שטאַרקער געווער,
וואָס טויט אים —

אַלציינס בלײַבט עס לעבן...

שטייט אוף

דיכטער פון דײַטשישן פאוסט,
ווען ס׳האָט דיך די בענקשאפט פארהילט,
האָסטו דעם קעניג פון כאאָס, —
דעם טײַוול, גערופן צו הילף.

מיט בענקשאפט, מיט גרויסער איך אָטעם,
אזוי ווי אין שנייען דער בער:
וואָלסט טויזנטער טײַוולען געזאָטלט
און דאָך וואָלט פארבלײַבן דיר שווער.

לענדער קריגן זיך, שלאָגן, און סײַווי,—
עס בלײַבן דאָרט מענטשן אין קלעם;
עמעס, גערעכט איז דער טײַוול,
די שולד פון מעטאל איז אין דעם.

נאָר אויב ס׳איז קיין נײַס ניט צו פאלן
פאר פרעמדער, פאר רויבערשער פרייד,—
איז וואָס פאר א ליד הער איך שאלן?
„שטייט אוף אלע פון הונגער און נויט״...

שיין איז די זוניקע רום־קייט,
פון יוגנט וואָס שליסט זיך אין דראנג;
אויב עמעצער פאלט,—ווערט דער אומקום
די פרייד פון א נײַעם געזאנג.

„שטייט אוף אלע"—אזוי רופט דער ניגן,
מיט אים לאָזן לענדער זיך גיין.
און צעשראָקן צעשפרייט זיינע פליגל
דער קעניג פון כאאָס אליין.

מיר איז קלאָר פון מיין לעבן דער זינען,
איך וויל נאָר דערקענען די קונסט,
וויאזוי אין די שלאכטן געווינען, —
די וועלט מוז געהערן צו אונדז.

צוויי וויג־לידער

1

ווי די בעקעלעך,
ווי די ציגעלעך,
וואַקסן ברעקעלעך
אין די וויגעלעך;
וואַקסן שרײַערלעך,
שרײַער־קלינגעלעך,
וואַקסן טײַערע,
פֿײַנע ייִנגעלעך,
פֿײַנע ייִנגעלעך,
שיינע מיידעלעך,
וועמען זינג איך דאָ,
וועמען רייד איך דאָ?..
קינד, מײַן גאָלדעלע,
קינד, מײַן בעבעלע,
וויסן וואָלט איך נאָר
וועלן, ווער ביסטו.
ליוליע אייגעלעך,
דינע הערעלעך.
מײַנע קינדערלעך
לאַנגע יערעלעך.

2

איך וועל האלטן מײַנע אויגן אָפן,
קינד, די אײגעלעך פֿארמאך;
קינדער וואקסן ווען זיי שלאָפֿן,
גרויסע—ווען זיי זײַנען וואך.
ליוליע־ליוליע־ליולינקע,
שלאָף מײַן קינד אפולינקע,
שלאָף מײַן קינד אסאך,
איך זיץ לעם דיר און וואך.

1932 יאָר.

אַרום יאַם

מײַן וווינונג—באַם באַרג,
פֿון געשפּאָלטענעם שטיין;
ווי די הליבע איז שטאַרק
איז מײַן שטוב אַזוי קליין,

נאָר פֿון שפּיץ פֿונעם הויכן
דערהער איך מײַן שטים.
און איך פֿיל—איך קען גרייכן
זײַן העכער פֿון אים.

צופֿוסנס דער הליבע,—דער יאַם
קײַקלט איבער אַ וועל נאָך אַ וועל,
פֿון צאַרטן פֿון פֿליסיקן פֿלאַם.
נאָר פּלוצלינג טוט ער זיך אַ שטעל,

און אַ שפּרונג,
און אַ שלאָג אָנעם שטיין,
און טו איך אַ קוק אַפֿן יאַם,
נעמט אַ בענקשאַפֿט אַרום מיך אַזאַ,
ווי דעם טײַוול אַליין...

און דער ווינט טוט א וויי,
טוט א וויי פון דער פרײַ,
און שרײַ —
וועט פארטויבן זײַן רויש דײַן געשריי...

יאמ!..
ביסט מיר ווי מײַן בענקשאפט געפעלן,
מײַן בענקשאפט צו זינגען און זינגען;
וואָס־זשע ציט מיך אזוי צו די וועלן,
ווען איך זע ווי זיי שפרינגען?..

שיינ איז דאָס לעבנ

שיינ איז דאָס לעבנ צו אכצנ יאָר,
די ערד איז א קוואַל, אונ די וועט איז אָנ ריגלענ;
דער הימל איז ברייט אונ די ראכוועס איז קלאָר,
אונ ס'פעלנ דיר איינס נאָר — צוויי פליגלענ.

שטארק איז דאָס לעבנ צו דרייסיק יאָר,
עס רייפנ די פעלדער אינ גאָלדענעמ פלאטער,
דו שפאנסט אונ דו שטייגסט אונ דו זינגסט מיט דײַנ דאָר,
אונ צארט זאָגט דײַנ אויפל דיר — טאטע.

ברייט איז דאָס לעבנ צו זעכציק יאָר,
פונ די פעלדער די גאָלדענע זאנגענ,
אונ ס'וויגט דיכ, אונ ס'וועקט דיכ א זוניקער כאָר
פונ דעמ, וואָס געווענ איז אונ וואָס איז פארגאנגענ.

דער וועג איז געענדיקט צו זיבעציק יאָר,
אונ ס'קלייבנ די פריינט זיכ צוזאמענ,
מיט הערצער, מיט יונגע, מיט זילבערנע האָר,
דערמאָנענ אָנ שטורעמ, אָנ שלאכטנ אונ פלאמענ.

נאָר דערוויַל ווערט דעמ אייניקל אכצנ יאָר,
אונ ווידער די ערד איז אָנ ריגלענ,
אונ ווידער דער הימל איז ברייט אונ קלאָר,
אונ דאָס אייניקל בענקט שוינ נאָכ פליגלענ.

*
* *

שטארק זײַנען בא אונדז די אקסלען,
אין די הענט מיר טראָגן העק.
ס'זאָל מיט ווילדגראָז ניט פארוואקסן
אונדזער דורכגעמאכטער וועג.

אף די שליאכן—ביימער, שטיינער,
נאָר מיר גייען מיט געזאנג;
און עס ווערט בארימט ניט איינער,
און ניט איינער פאלט אין גאנג.

ווער ס'פאלט העלדיש, אין לעגענדעס
ווערט זײַן נאָמען אײַנגעוועבט;
נעמען בײַטן זיך דאָ שטענדיק,
נאָר די שאפונג אייביק לעבט.

שטײַג!

דעם, װאָס איז געגעבן מערער,
איז דאָס גאָב—זײַן רום און לויב.
ער איז געװױנט צו װעגן שװערע,
גרינגע װעגן—זײַנען שטויב.

ס׳טרעפט בא עלטערע און קינדער
אין די בלוטן רינט נאָך קינע,
און װען אײנער שטײַגט אריבער
ניט מע בענטשט אים,—מע פארגינט ניט.

איך פון קינדװײַז בין געװױנט
ליבן דעם, װאָס גײט אפריִער;
פרײַנט, דו שטײַגסט—אזוי איז שײן,
כ׳װעל איבערשטײַגן דיך אינצװײען...

צום הימל

אָ, הימל, אַלטער בלויער רויך,
איך ווענד זיך צו דיר ווידער.
עס איילט די צייט,
און איך דארף איילן אויך,
און גיכער זינגען מיינע לידער.

פון יענע בלויע טעג, ווען ס'האָט מיין בליק
דערוווּסט די פארב פון מענטשלעכע באגערן,
ווען האָסט מיין בליק דיין ערשטן גרוס געשיקט,
מיין יונגע הארץ צעצונדן ווי א שטערן, —

פון יענע בלויע טעג האָט זיך דיין רויך
באַך ניט געענדערט, ניט געביטן,
נאָר ס'איילט די צייט,
און איך דארף איילן אויך
און גיכער זינגען מיינע לידער.

דו ביסט אַלט, און איך בין נאָך א יונגער;
איך וועל ווערן אַלט,
און דו וועסט בלייבן יונג.
וויפל זינגער האָבן דיך באַזונגען, —
ווו זיינען זיי מיט פלאַמענדיקן שווּנג?..

יענע זינגער זײַנען איצט דער רויכ,
צו וועלכנ כ'שיק מײַנ וועגדונג ווידער.
ס'אײַלט די צײַט,
אונ איכ דארפ אײַלנ אויכ
אונ גיכער זינגענ מײַנע לידער...

בא ברעגן קרימער

צו איר נעסט עס פליט די מעווע,
פליגלען פלאטערנ געשווינד.
עס באגלייט זי מיט א רעווענ
א צעבונטעוועטער ווינט.

עס שרייט דער ווינט, ווי טויזנט יונגענ
וואלטנ יאגנ פיינט אינ פעלד,
אונ ווייסע כוואליעס—קוואלנ־פונקענ,
טראגנ פריי זיך אינ דער וועלט.

איך שטיי באמ ברעג, כ׳בינ ניט קיינ שווימער,
איך ליב אונ פיל זיך שרעקלעך קליינ,
ווענ כ׳זע, ווי ס׳שלאגט אנ ברעגנ קרימער
זיך דער יאמ, אונ כ׳בינ אליינ.

שנייעלעכ

שנייעלעכ,—שנייענ, שטילע פרײַנט,
איר פאלט אפ דר׳ערד, ווי צארטע קלאנגענ,
ווהינ דער בליק זיכ ווענדט ניט—שײַנט,
אינ גאסנ בליִענ ווײַסע זאנגענ.

ווי ס׳וואָלט א בארנבוימ זײַנ נעפל
אָפּטרייסלענ, זײַנ פרילינג-כיינ.
מיר דוכט, אזוי לייגט זיכ דאָס לעבנ
אפ מײַנע פלייצעס יונג אונ שיינ.

אכ, ווי מאָדנע ס׳פאלנ יאָרנ,
אכ, ווי שטיל עס פאלט דער שניי,
נאָר מאָדנע איז מײַנ טרוימ געבאָרנ,
דאָס לעבנ שמידט זיכ פראָסט אזוי;

פראָסט אזוי, ביז ליכטיק שײַנענ
נעמט דער בליק פונ שטאָלצ פארבלענדט.
אָט אזוי מײַנ גרויסע טײַנע
קוקט דאָס לעבנ אונ פארענטפערט.

ס׳לאכט זיכ מיר צו יענעמ ווינטער,
ווענ כ׳האָב געפרעגט אונ ניט פארשטאנענ,

און שטיפ-קינדער באנאנד פאראנענ.

ס׳האָבנ געענטפערט ברידער-קוואָרימ,
ס׳האָבנ שלאכטנ אָפּגעענטפערט...
פאל אפ מיר, מײַנ שניי מײַנ קלאָרער,
פאל אפ מיר אזוי אָנ ענדע...

קינדהײט

1

זומער בינדט מײַן טאטע פליטן,
װינטער—ביזן בױכ אינ שנײ
באגעגנט אימ די נאכט.
איכ װיל ניט מײַנע טעג אזױ צעשיטן,
מענטשנ שװימענ אָפּ װי בײמער,
װי די סאָסנעס אפנ טײַכ.
מײַנ שטוב איז קלײנ,—
איז װעלט א קלײנע,
מײַנ שטוב איז אָרעמ,—
איז די װעלט ניט רײַכ?..
ניט כ'גײ אינ שול, װי אלע קינדער,
ס'װאקסט אפ מיר מײַנ טאטנס יאָכ,
אזױ האָב איכ דערצײלט מײַנ קריװדע
די צװײַגנ אונ דעמ גרױענ מאָכ.
ביז א מאָל פאר מײַנע אױגנ,
פלינק אונ פרײַ,
אפ הײסע פערד איז דורכגעפלױגנ
דער װאלד־סױכער פארבײַ.
— זײַנע קינדער האָבנ לערער,
איצטער—שפיל,

און שפּעטער — פֿרײדן,
און איך װעל האָבן פּראַצע שװערע,
און ס'גײט אַזױ די װעלט קעסײדער?..
און דאַן האָט מיך ביז בײן פֿון אַקסל
אַ פּאַרדראָס צעגליט.
— אױב אַזױ זאָל איך ניט װאַקסן!
נאָר פֿילט מען ניט,
צי זעט מען ניט.
עס לעבן מענטשן זײער מאָדנע,
מענטשן שימלען װי דער לײם,
און ענג איז מיר מײַן שטילע הײם,
און הײַזלעך הילצערנע צעשאָטן,
און שװער איז מיר מײַן שטוב,
מײַן שטרױ־קאַנט,
װוּ ס'גײען אָקסן־טעג פּאַװאָליע,
װוּ איך קינד װיגט אײַן די מוטער
און זינגט װעגן איך בידנער דאָליע...
אױב איך בין אַ שטומער טאַג,
פֿאַרװאָס־זשע האָב איך אױגן װוּנדערס?
אױב ס'איז אַ גרױסע װעלט פֿאַראַן,
פֿאַרװאָס איז זי ניט אונדזערס?..

II

דער ליבער פֿרילינג טוט מיט צװײט אַ װינק,
און װײַסער זינק װערט מיטן צװײט פֿאַרשװוּנדן,
װי אַ סאָסנע — פֿריש
און זי אַ העזל — פֿלינק,
בין איך געװען אַ ייִנגל.
טיפֿע װאַסער אין אַ שאָטן —

איז די פארב פון מײַנע אויגן;
נאָר טרוימער־שווארצאפּלען האָבן א קאָפּ,
וואָס קען געהאָרכזאם זיך ניט בויגן.
איינע קומט דאָס לעבן אָן מיט פּולן,
דערוואקסענע — אָן ווײ,
און קינדער — אָן געוויינען;
זיי טראָגן שיך און גייען אין די שולן,
און פיטערן ניט אפּן פעלד קיין בהיימעס,
און איך אין פעלד — פון בערג און ברייטע טײַכן
הער זיך אָן אפילע שיינע מײַסעס;
פון ברידער אָרעמע,
פון ברידער רײַכע,
פון גאזלאָנים
און פון ווײַטע רײַזעס...
„אז איך וועל אויסוואקסן,
וועט מען פון מיר דערציילן.
וועל איך ווערן אויך געוויס א גרויסער העלד,
דאָס גאנצע האָב און גוטס —
די אָרעמע צעטיילן",
אזוי האָב איך געטראכט אין גרינעם פעלד.

III

מיר איז דאָס פּיטערן געוואָרן שווער.
און די מײַסעס האָבן מיר דערנומען,
האָב איך פארלאָזט די קינדער, און אליינ
געבלאָנקעט גאנצע טעג א שטומער.
— אלע ייִנגלעך, וואָס אין מײַנע יאָרן,
לערנען זיך
און פרייען זיך

און שפּילן,
און מײַנע טעג װערן אומזיסט פאַרלאָרן
אין די פעלדער אין די שטילע.
כ'בין דען ניט קיין קינד, װי אַלע,
אַ װילדגראָז, װאָס ס'האָט קיינער ניט געזייט?
עס עסן אַנדערע שניי-װײַסע כאַלע,
און איך װאָלט געגרן זײַן אַ שטיקל שװאַרצן ברויט...
נאָר איך װעל װי אַן אָקס ניט נאָכגעבן דעם יאָך.
איך בין אַ מענטש—און זײַן דאַרף איך אַ פרײַער...
און ס'האָט דער װאַלד געשיקערט מיך מיט מאָך
און ס'האָבן װײַטן מיך געפרייט מיט פײַער...

IV

אין איינעם, אין אַ פרילינג-טאָג—אַ פרײַטיק,
האָב איך אָפּ אייביק זיך געזעגנט מיטן קאַנט,
װוּ װעלדער װילדע ציִען זיך און שפּרייטן,
שפּאַרן זיך אַרײַן אונטערן ראַנד.
אין דעם קאַנט געבאָרן איז מײַן טאַטע
און מײַן זיידע,
און אין אַ האַרבסט
אונטערן װויען פון די װינטן
איז דער זון און אייניקל געבאָרן.
מיטן אופקלײַבן די פעלדער
קלײַבט דער פויער דאָרט די יאָרן,
ציילט זיי מיט די סקירדעס שטרוי,
ניט איינס,
ניט צװיי
און אָט בין איך די הויך, װי קאָרן...
... נאָך יענעם פרילינג—

זײַנען פֿרילינגען געקומען,
נאָך יענעם פֿרײַטיק—
זײַנען פֿרײַטיקן אַוועק;
נאָר פֿון יענעם טאָג
איז מיר פֿאַרבליבן אין דערמאָנונג
אַ פּאָר לאַנגע פֿיס,
וואָס שפּאַרן זיך אַרויס פֿון וואָגן,
אַ וואָגן,—
אַ באַדעקטער מיט אַ לײַלעך
און אַ יאָמער פֿון אַ מוטער...

V

ס׳האָט דאַן מײַן היימלאַנד נאָך פֿון שלאַכט
ניט אויסגעטריקנט אַלע שפּורן,
פּורן,
אָנגעוואַלגערטע מיט הרוגים,
האָט מען געפֿירט נאָך יעדער נאַכט
צו קווורע.
מײַנע פֿיס, ווי קוועקזילבער,—
רירעוודיק און פֿלינק.
האָב איך דען ווע‏מען שלעכטס געטאָן,
איך בין דאָך נאָך אַ קינד.
עס האָט מײַן מאַמע פֿלאַקס געשפּונען,
מײַן שוועסטער האָט אין דאָרף געניײט;
דאָס איז געווען אונדזער ברויט.
— איז וואָס?
מיר וואַרטן אַפֿן טויט?
און נאָכדעם ווי?
איך וועל פֿאַרשײַט

מיט ייִנגלעך מער ניט לאָזן זיך צום קאָרן,
ניט ארומבלאָנדזען באַם וועג?
ס'וואָלט זײַן ווי איך וואָלט קיינמאָל ניט געבאָרן,
אָדער געבאָרן און האָב קיינמאָל ניט געלעבט.
און דאַן האָב איך באַשטימט, אַז איך מוז לעבן,
ווײַל פאָרט בין איך באַ ערד פאַראַנען
מיט ליכטיקערן בליק פון שײַן.
און לעבן —
גיין מיט אַלעמען צוזאַמען.
מיט אַלעמען אינאיינעם פלאַמען,
נאָר דער ערשטער אין די רייען זײַן...

* *
*

זינג מיר אויס די גרויסע פרייד
פון גליק, כ'זאָל ווייַנען קאָנען.
א קוק טאָן זאָל פארשטומטערהייט
מייַן ווייַ און מער ניט מאָנען.

פונוואנען קומט צו מיר די ווייַ?
דער רועכ זאָל עס נעמענ!
אז ס'איז מייַן פרייד ווי ערשטער שניי,
ווי העלער פונק פון קרעמען.

ס'איז אלצ ערשט אויסגעבויט און יונג
און יעדער טראָט א נייַער,
און מיטן לעבן ווי מיט זונ
איז יעדער איינער זיכ מעכייַע.

אינ דער רעגע פול מיט ליכט
דערמאָן איכ זיכ מייַן טאטנ,
א שווערער שליטנ קוים וואָס ס'קריכט
אפ ווינטער־וועגנ גלאטע.

ארום די וועגנ ווייַסער מאָכ,
אוןביימער בעטנ—רו אויס.

נאָר ער גייט נאָכן שליטן נאָך
און האלט מיט זיך א שמועס.

ס׳איז ניט געפעלן אימ די וועלט,
וואָס קען ער בעסער מאכן;
גייט ער שטילערהייט און שעלט
דעמ פערד, דעמ שניי, די שליאכן.

ארומ איז העל און פוסט און פריַי,
דעמ וואלד־סוּיכערס געהילצ נאָר סקריפּעט,
אינ קלאָרנ שניי טוט ער א שפּיַי —
א רויטער טראָפּנ פונ די ליפּנ.

אינ אמעריקע געוועז,
און פונ אמעריקע צוריק געקומען,
מיט א טיפנ קנייטש אינ ברעמ
און מיט צוויי טראָפּנס בייזנ אומעט.

„ניטאָ דאָ וואָס צו זוכנ מער,
ס׳איז מיר באשערט אינ גרויל ארומגייַנ״, —
האָט ער געזאָגט און, ווי א בער,
באשטימט שוינ איינשלאָפנ אינ הונגער.

און גליק און יאָנטעוו ניט געוואָלט
אינ ערגעצ מער זיך זוכנ לאָזנ;
יעדער הארבסט שיט גרויענ גאָלד
אפ זיַינ געלעגער א בעריאָזע.

זינג מיר אויס מייַנ גרויסע פרייד,
זאָל אויסגייַנ די דערמאָנונג,
מייַנ וויי, צעגיי זיך שטילערהייט
אפ קיינמאָל ניט דערמאָנענ...

ווי מײַנ טאטע פל̄עגט מיכ אײַנל̄ייגנ של̄אָפנ

וואקס, מײַנ זונ, א שטארקער, ווי עס וואקסנ ביקעס,
דײַנע אויגנ קוקנ מאָדנע קל̄אָר.
וועסט א הארצ נאָר האָבנ, איז פארפרי דערשטיק עס,
הערנער דארפ מענ אינ געדיכטנ באָר.

פונ די ביימער הערסטו שרײַענ שווארצע ראָבנ;
קרא אונ קרא, איכ ווייס וואָס דאָס באטײַט;
פונ דער יוגנט זאָל̄סטו קראפט אונ קויעכ האָבנ,
עפשער וועסטו דאנ נאָכ אויסוואקסנ א ל̄ײַט.

של̄אָפ, מײַנ זונ, דײַנ טאטע וועט דערווײַל̄ דיכ היטנ,
ווי א וואָל̄פ וועט ער באמ וויגל̄ שטיינ.
די פאל̄שע וועל̄ט כ'וואָל̄ט וועל̄נ זענ אפנ מיטע,
ל̄יו־ל̄יו־ל̄יו, מײַנ אויפל̄, של̄אָפ, ניט וויינ.

ווי איך לייג איַין שלאָפֿן
מיַין זון

צוויטן ווארעמע אינדרויסן שיט דער הימל,
אזא שיינער פרילינג שפרייט זיך אפ דער ערד.
שלאָף, מיַין קינד, איך היט איצט אָפּ דיַין דרימל,
ס'שטייט מיַין לאנד איצט בא דיַין וויגעלע פארקלערט.

א פלינקער לאָשעק, פון דעם ווינט פארשיַיטער
איבער בערג און טאָלן יאָגט אָן רו.
ס'בענקט זיַין רוקן נאָך א ניַיעם דרייסטן ריַיטער,
און דער ריַיטער—דאָס, מיַין זון, ביסטו.

איך זע די ווערסטן הינטער דיר שווין לויפן.
איך זע דיך יאָגן,—און עס זינגט מיַין ליד.
שלאָף, מיַין קינד מיַין קליינס, מאך צו די אויגן, אויפל,
כ'בין מעקאנע דיר, מער קיינעם ניט.

א וויג-ליד

שלאָף, מײַן קינד, שלאָף אײַן,
איך וועל איצטער קלערן,
ווער מײַן זון וועט זײַן,
ווען ער וועט גרעסער ווערן.

ס׳טרעפט, כ׳שפּאַציר ווען אום,
דער הימל—בלוי און לויטער;
אין וועג אנטקעגן קומט
א קאפּיטאַן א רויטער.

וויל איך זינגען דאַן,
זינגען לידער בײַע,
פון דעם קאַפּיטאַן—
פון מײַן זון מײַן טרײַען.

ווי באַם זאַמד־ברעג שטייט
שטיל זײַן טאַטע, מאַמע,
ווי אין ווײַטן רייד
גריסט ער זיך מיט יאַמען.

יאַמען ברויזן בייז
וועל מיט וועל זיך קריגן,

ביסט נאָך, קינד, ניט גרויס,
ליגסט, מײַן זון, אין וויגל.

ליגסט אין וויג, שלאָף אײַן,
ניט דײַן טאטע וויס עס,
ווערסט גאָר עפּשער זײַן
א רײַזנדער א גרויסער.

אויסמעסטן די ערד
ווערסט פון אַלע עקן,
און, ס'קען זײַן, באשערט
איז דיר נאָך וואָס אנטדעקן.

שלאָף, מײַן זון, שלאָף אײַן,
איך וועל איצטער קלערן,
ווער מײַן קינד וועט זײַן,
ווען עס וועט גרעסער ווערן.

נאָר פון אַלץ וואָס איך
אצינד וואָלט טרוימען קענען,
קען דאָך זײַן, מײַן קינד,
אויסוואקסן זאָלסט שענער.

ס'קען דאָך זיכער זײַן,
זינג איך דיר א ניגון;
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף אײַן,
איך וועל דיך פארוויגן...

אָט פאַרוואָס

מיט וואָס איז עס דער פרילינג אַזוי שיין,
וואָס בענקען בענקט מען נאָך נאָך אים אַליין?
דער זומער טוט דאָך אָן אין גאָלד דעם טאָל,
די ווייַט שענקט דאָך דער ליד איר ווידערקאָל,
עס ווערט דאָך דייַן געליבטע דיר אַ פרוי,
פאַרוואָס־זשע איז דער פרילינג ליב אַזוי?

ווייַל יעדנס טרוים באַפליגלט ער אַליין,
ווייַל זייַנע הימלען זייַנען בלוי און ריין,
ווייַל אין ווייַטע וועגן לערנט ער אונדז גיין —
אָט פאַרוואָס עס איז דער פרילינג שיין.

קינדער און טויבן

ניט אפ זון און רעגן
בלאָזט דאָס שטילע ווינטל—
אין די ווײַטע וועגן—
שיפעלעך פון קינדער.

אפ דער ערד איז טרוקן;
נאָר אין הימלען, אויבן,
קליינע קינדער קוקן—
דאָרט זיך באָדן טויבן.

מיר איז גוט מיט קינדער,
מיר איז גוט מיט טויבן;
מיר איז גוט אין אונטן,
מיר איז גוט אין אויבן.

מיר איז גוט אין אויבן,
מיר איז גוט אין אונטן;
כ'בין ווי קינדער זויבער
און ווי פויגלעך מונטער.

פרילינג

ס'האָט דערפילט אין הייך די זון,
עס בענקט אין פעלד שוין דער טאבון,
און דער ערד געשענקט איר ליכט,
איז גרוי געוואָרן אומגעדיכט.

דער ווײַסער שניי, דער קלאָרער אײַז;
א ריטשקע האָט א קליינעם קרײַז
אויסגעפײַלט אין דינעם גלאָז
און זוכן זיך דעם טײַך געלאָזט.

אין ברעגן האָט גערוט דער טײַך,
האָט ער דערפילט דעם פרילינג, לײַכט,
ווי מילך, די פרוי אין ברוסט דערשפירט,
און מוטנע זיך פון גרונט גערירט.

אז ס'גייט דער טײַך, שטייט אופ דער טאָל,
אז ס'וואכט,—דערוואַרט אלץ מיטאמאָל.
און ס'האָט דער שטיין—די קאלטע ערד
אפ זיך די זון־טראָפּנס דערהערט.

און ס'האָט דער דעמב, דער שטומער קליאָן
דעם פוילן בלאט א שאָט געטאָן...

ווײַל קנאָספּ האָט שוין געפּילט דעם טאַם
פון טערפּקן זאַפט, וואָס יױרט אין שטאַם.

און נאָר געוואַרט פון זון אַ פּלעק,
פון טוי אַ פּונק, — זאָל מאַרט אַוועק.
גייט מאַרט אַוועק און פרילינג ווערט,
און ס׳קושט די זון זיך מיט דער ערד.

ערעוו א שטורעמ

אינ צווײַגנ שטיל דער שפערל רוט,
די זאנגעג מיד צו דר׳ערד זיכ בוקנ;
דער ווינט גיט צו דער סאָסנע מוט,
עס טוט א קרוינ א סקריפּע טרוקנ.

א הויפנ שטויב, אינ גרויענ זאמד,
נעמט מיט א בלאט א גרינעמ שפּילנ,
די זונ באהאלט זיכ הינטער ראנד,
ס׳ווערט טונקעלער אונ עטוואָס קילער.

די בלומ, וואָס פריִער האָט פונ היצ
זיכ אופגעקנייטשט, גלײַכט איצט זיכ אויסעט;
איכ בינ אינ פעלד, כ׳האָב ליב דעמ בליצ,
כ׳האָב ליב די שטארקע דונער־שטויסנ.

איכ גיי, א פויער פאָרט, ער טרײַבט דעמ פערד,
עס אײַלט אהיימ אפּגיכ דער פויער.
אונ איכ האָב ליב די זומער־ערד,
אונ באלד איז שטורעמ, הערט מײַנ אויער.

צו מײַנע פרײַנט

געװוען איז פארװיקלט די ערד אין טומאנען,
לאַנקעס געװוען זײַנען רויִע און פײַכטע,
װען ס׳איז אין הימל די זון אופגעשטאנען
און פעלדער און װעלדער געגומען באלײַכטן.

גלײַך איז געװאָרן א בלויער דער הימל,
די לופט האָט זיך אָנגעפילט מיט א געװימל.

געװוען זײַנען ביימער מיט גרוי־ברוינער קאָרע,
בראָזנעס געװוען זײַנען שװאַרצע און שטומע,
זײַנען זײ צארטער און שענער געװאָרן
און גרינען גענומען, און זינגען גענומען.

געקומען אהיים איז דער בוסל צופליִען,
דער נאכטיגאל האָט זײַנע לידער פארצויגן.

צעשײדט מיטן דרימל זיך האָבן די בערג,
די שװאלב מיט א שטרויעלע האָט זיך באװיזן;
ליכטיקע צײַט, איך באגעגן דיך גערן,
די זון און די יוגנט כ׳װעל אייביק באגריסן.

די װארעמע שטראלן אין הארצן מיר שענקען
א װײ, און אן אומרו, א פרײד, און א בענקען.

ווען כ׳זע ווי דאָס פעלד טוט זיך אָנעט אין זײַדן,
א שאָטנדל שפּילט מיט אן אָפּשײַן א העלן,—
איך בענק ווי א קינד און עס ציט מיך אין ווײַטן,
און זײַן מיטאמאָל אומעטום וואָלט איך וועלן.

נאָר דאָס איז א זאך, וואָס איז גאָר דאָך אומעגלעך,
און פריִער כ׳שטיי אויף און איך בלאָנדזע טאָג־טעגלעך,

איך רייד מיט די גראָזן און שטיל זינג איך לידער,
פון פרײַנט און כאַווײרים צעשפּרייטע אין ווײַטן;
און ווײַל כ׳וועל די האַנט זיי ניט דריקן צופרידן,
וויל איך דאָס ליד זאָל מײַן האַנט זיי פאַרבײַטן.

אומעטום מײַנע פרײַנט, ווו זיי שפּאַנען און זײַנען,
זאָל זיי דער פריידיקער פרילינג באַשײַנען.

ווער ס׳איז אָרעם אין פרײַנט—דער קען זיי אַלע
מײַנע פרײַנט—איבער וועלט איבער גאָרער און ווײַטער
זיי שלאָגן דעם פײַנט,—אויב דער פײַנט וויל באַפאַלן,
זיי בויען, זיי קעמפן, זיי שמידן און שטרײַטן.

אײַך, מײַנע פרײַנט, איבער טויזנטער וועגן
זאָל קומען דער ליכטיקער פרילינג אַנטקעגן.

זומער

אין הארצן איז שטיל,
ווי ערעוו א ניגון,
דער הימל איז קלאָר,
ווי ניט לאנג ערשט געבאָרן,
א טויב טוט א שפּיל
מיט א זילבערנעם פליגל
און הינטער די וואָלקנס
גייט זי פארלאָרן.

ס'איז רויִק ארום.
פון דער ערד פון דער אלטער
ציט זומער זיין זאפט
און גייט אוף געראָטן.
אין הימלען די זון
קען איר ליכט ניט באהאלטן,
און זעלטן ווען ס'פאלט נאָר
א זיידענער שאָטן.

און כ'זע ווי מיין לאנד
איבער טויזנטער וועגן
אין ראכוועס צעשפּרייט
גייט דעם טאָג איצטער גריסן,

און כ'הער אפ אונדז אלעמענ
פאלט, ווי א רעגנ,
די ליכטיקע פרייד
פונ דעמ זומער דעמ זיסנ.

זאנגען זינגען

עס זינגען די זאנגען — וואקסן מיר ווילן
זאפטיק און רוי,
זאָל אונדז א גאָלדענער פײַער פארהילן
אין זון און אין טוי.

עס זינגען די זאנגען פארקלערט ווי א רעטעניש,
שטיל ווי א סאָד,
עס ווארטן די ארבעטער אף דער געראטעניש
אין דאָרף און אין שטאָט.

עס זינגען די זאנגען — אין גארבן זיך בינדן
מיר זײַנען שוין גרייט.
מיר וועלן באלד שטארבן, און שטארבנדיק זינגען
פון זון און פון פרייד.

האַרבסט

די הימלען זײַנען רײן,
בינשטאָקן בא װעגן,
כ׳גײ אין װאַלד אַלײן
און װאַלד נאָר קומט אַנטקעגן.

כ׳האָב ליב דעם באָר, װען ס׳הענגט
די זון אױף זײַנע צװײַגן,
װען פֿײַערלעך און שטרענג
באַלאַסטע בײמער שװײַגן.

מיר זאָגט דאַן יעדער סקריפּ
פֿון דורעסדיקע שטאַמען.
קוק זיך צו און ליב
און װאַקס מיט אונדז צוזאַמען.

איך גײ, דער װאַלד הילכט אָפּ,
א נוס פֿון בױם פֿאַלט טרוקן,
האַרבסט—שרײַט דורך א ראָב,
רײַפֿקײַט—זינגט מײַן יוגנט...

דו זינג, מײַן יוגנט, לאַנג,
נאָר װען דו װעסט ניט װערן,
װי אָט דעם װאַלד־געזאַנג,
זאָל איך דײַן אָנדענק הערן.

גערעטעניש

דער הימל איז מיט בלויקײַט פול,
די ערד — מיט גאָלד אין כוידעש יול.

אין כוידעש יול איז זון ניט קאַרג,
און שיט איר גאָלד אף טאָל און באַרג.

אף פעלד אף קופּערנעם פאַרקלערט,
אף סאָד אף גאָלדענעם און טײַך,

אף גערטענער, וואָס ווערן גלײַך
און שטײַגן איבער די פאַרפלאַנצער...

נאָר דאָך איז קײנעם ניט קײן סאָד,
אז עפּעס זוכט,
אז עפּעס פעלט,
אז א פאַרלוסט האָט דאַן די וועלט...

און מיט שנײַד־מעסערס די שניטער
קומען פּאָרכטיקע צום פעלד,
בא זיי אין ברוסטן פרייד צעבליט זיך,
ווען בא ערד די פרייד פאַרוועלקט.

און ס'ווערט א טאָג די מי ניט מידער,
און ס'קלינגען אָפּ אין ווייַטן לידער.
אָ, שניטערס ליד איז האַרציק קלאָר,
ער שנייַדט פון פעלד א גאָלדן יאָר,

און אַף די וועגענער די ברייטע,
ווען ס'צינדן זיך אין הימל שטערן,
פירט ער אים א יאָר א צווייטן
גרייט צו פלאַנצן און צו נערן...

און ווייַט איז גרינג,
מיט פאַרבן פול
אין לעצטע טעג פון כוידעש יול.

— — — — — — — —

אין כוידעש יול, אין לעצטע נעכט,
דער הימל אָפּט זיך פלוצלינג ברעכט,

בליצן שייַנען אוף ווי זונען,
שטילע ערד צעטרייסלען דונערס,

וואָלקנס פולע איבער וועגן
גיסן אויס פון זיך מיט רעגנס,

און דער שטויב, נאָך טאָג פון שייַן,
טרינקט דעם וואַסער — קלאָרן ווייַן,

און ווערט באַשווערט,
און ווערט באַפייַכט.
נאָר אַף דער ערד ווערט אַזוי לייַכט,

נאָר אפ דער ערד ווערט אזוי לײַכט....
און בלאָוו ווערט בלאָוו,
און גרינג ווערט גרינג,
און גיי ארויס אינ גאס און זינג....

* *
*

דער אָנטרײַבער רירט ניט די לייצעס,
כאָטש שווער איז געלאָדן דער וואָגן;
עס זײַנען די שײַערס מיט ווייצן,
מיט גערשטן און האָבער פארשלאָגן.

און סקירדעס קאָלווירטישע שטייען,
און קאָפּעס מיט גאָלדענע גארבן;
און מידע די פּויערים גייען
פון שווערער און פריידיקער ארבעט.

באמערקסט ניט אליין ווי דו האָסט שוין
א גאסט, אזא זילבערנע כמארע.
און ס'וועלן באלד קינדער א לאָז טאָן
אין שול זיך מיט פריידיקן ליארעם.

* *
*

איך פיל — מיר ווערןביידע עלטער,
נאָר פול מיט גלויבן און מיט שוווּנג,
וועט אונדזער יוגנט ניט פאַרוועלקן,
נאָר אין מײַן ליד פאַרבלײַבן יונג.

און לאַנג וועל איך די רעגע בענטשן,
יענעם שמייכל יענעם קלאָרן,
ווען ביידע מיר — צוויי פרעמדע מענטשן
זײַנען אייגענע געוואָרן...

1933 יאָר.

מײַן וויי איז אָן דיר, ווי א ווינט איבער וועגן,
מײַן פרייד איז אָן דיר, ווי א זון אָן א רעגן.

זון פון מײַן בענקשאַפט, ווינט פון מײַן אומרו,
פרייד פון מײַן שמייכל, ליכט פון מײַן זומער.

מײַן אומרו — א פרײַנט זײַ, מײַן בענקשאַפט — א שותּף,
מײַן פעסטקײַט — א קינד, מײַן צאַרטקײַט — א מוטער.

1935 יאָר.

איך ווער פון קיין פריידן ניט ייִנגער,
און פון קיין וויייען—געוויס ניט.
און כ'ווייס ניט, דײַן קוש איז מיר גרינגער,
צי עס איז שווערער דײַן ביס מיר.

און, טײַערע מײַנע, איך ווייס ניט,
דײַן יוגנט איז שולדיק די שלאַנקע,
צי עפשער מײַן ליבע די גרויסע,
פאַרוואָס בין איך דיר אזוי דאנקבאר?..

דער יאַם פאַרגייט אין בלאָע רויכן

א זון פון לײַכטנדיקע גרוסן,
א יאַם פון טיכלעך און פון הענט.
אַלע זעגנען זיך און קושן,
נאָר מיר איז קיינער ניט באַקענט.

און דער יאַם פאַרגייט אין בלאָע רויכן...
כאָטש טו מיך, מיידל, מיט דײַן האַנט א ריר;
זעסט, אַלע שמייכלען, שמייכלען, שמייכלען,
און קיינער שמייכלט ניט צו מיר.

אַזאַ פאַרדראָס, ווען אַלע קוועלן
און קיינער טראַכט ניט, וואָס דו בענקסט,
און אַפּ צולאָכעס זײַנען אויך די כוואַליעס
שמייכלענדיק און זוניק־ריין.

* *
*

טײַערע,
ס'טוט באנק מיר די קינדהײַט,
וואָס איז ווי א ליכטיקע כמארע צערונענע
באמ פרײַקנ ראנד;
עס טוט מערער מײַנ יוגנט מיר באנק,
זי האָט פעסטקײַט מײַנ האנט,
זי האָט שטארקײַט מײַנ ווילנ געגעבנ
אונ שײַנ מײַנ פארשטאנד,
די יוגנט, וואָס פלוצלינג גײט אָפּעט פונ מיר.
נאָר אלצ גיב איכ אָפּ אָנ פארדראָס
פאר אויגנ—צוויי ליכטיקע זונענ,
פאר אויגנ פאר דײַנע,
ווו איכ האָב אפסנײַ א צעבליטע
מײַנ יוגנט געפונענ,
טײַערע מײַנע!..

כ׳האָב געוואָלט

כ׳האָב געוואָלט מײַן יעדער פרײַנט
זאָל זײַן א פּאָסט־טרעגער,
ווי א זון האָט מיר געלײַכט
זײַן טאַש פון שווארצן פעל;
נאָר שטודירט האָסטו
אין גרויסער מאָסקווע.
און אפ אָפּטע בריוו
האָט צײַט דיר אויסגעפעלט.

ס׳איז מיר דאַן געוועז
פון אַלע רעגעס ליבער
די רעגע, ווען עס קומט
דער צוג פון ווײַט צו גיין,
ווען איך האָב דיך באַגעגנט
א זוניקע און מידע
און א גליקלעכער
באַגלייט צו זיך אַהיים.

כ׳האָב דאַן געוואָלט מיט זון
זאָלן זיך טעג צעקריגן,
נאָר זיי זײַנען געפלויגן
מיט שנעלקײַט פון א פאַל,

און איך האָב עס באַמערקט
פון פרייד און בענקשאַפט שיקער,
נאָר דאַן, ווען כ׳האָב דײַן פּעקל
געטראָגן צום וואָקזאַל.

די טעג האָבן געשווינד,
ווי פייגלעך דורכגעפלאַטערט,
און צום ראַנד אַראָפּ
אין פלינקע קאַראַוואַנען.
עס רופט מיך אָן דײַן קינד,
דײַן צאַרטער אויפל „טאַטע״,
און די בענקשאַפט קומט,
דער רועך ווייסט פון וואַנען.

אין א נאכט אין א בלויער

גיס אָן טײַערן ווײַן,
אז עס זאָל זיך פארגיסן,
ווײַל געסט זײַנען הײַנט
דאָ בא אונדזערע טישן.

און איר מײַנע פרײַנט,
מײַנע געסט מײַנע ווילדע,
זעצט אויס זיך, הערט אײַן,
כ'וועל א מײַסע דערציילן.

די מײַסע קומט פאָר
אין א נאכט אין א בלויער,
אין איינעם א יאָר,
איך געדענק ניט גענויער.

נאָר ווייסט איר א נאכט —
אָן א שאָרך, אָן א ווינט,
יעדער בוים, דאכט זיך, וואכט,
און אין וואלד איז א קינד.

שוין דעם צווייטן מעת־לעת,
ווי עס בלאָנדזשעט דאָ אום;
ס'טראָגן ראָצכים דעם טויט
אין די דערפער ארום.

און דורך צווײַגן דער הימל
קוקט וווּנדערלעך ריין,
ס'ווערט דאָס ייִנגל אנדרימלט
און פילט ניט אליין.

און ווי נאָר זײַנע ברעמען
פארוויגט האָט דער שלאָף,
האָט צעשפּרייט זיך דער וואלד
אָן א ברעג, אָן א סאָף.

האָט דער וואלד זיך צערעדט
אזוי הויך און פארשײַט.
און אין כאָלעם ער זעט,
ווי מע גייט און מע רײַט.

אלע פענעמער—שטרענג,
יעדער שפּאן איז געשמידט,
און א ריי נאָך א ריי,
און א ליד נאָך א ליד.

און א וועג נאָך א וועג...
מיטאמאָל אזוי שטיל,
אין א כאטע—א העק
ליגט א מענטש אפן דיל.

בא דעם מענטשנ צוקאָפּן
די שויבן צעפּלאצט,
און א ווארעמער טראָפּן
לעקט דורשטיק א קאץ.

ס׳האָט דאָס ייִנגל צעשראָקן
געעפנט זײַן בליק
און דערזען דעם וואלד
אין א זילבערנער וויג.

ס׳האָבן רויִקע שטערן
געברענט אינדערהויך,
און פלוצלינג האָט הויכן
גענומען מיט רויך.

און פלוצלינג פארשוווּנדן
איז רו פון דער נאכט
און עס האָבן זיך יונגען
באוויזן אין שלאכט.

הארטע שיך אף די פיס,
אף די היטלען א שטערן,
און זיי זינגען „געוויס
וועט די וועלט אונדז געהערן״.

בא יונגען—פארשײַטע
און היציקע פערד;
און געשווינד גייט א רײַטער
אראָפּ אף דער ערד.

עס איז ווארעם זײַן שאָטן,
די טריט שטעלט ער גיך
און ער נעמט אינעם זאָטל
דעם ייִנגל צו זיך.

ניט קיין פערד, נאָר א פויגל,
די צוים לאָז נאָר פרײַ,
איז דאָס ייִנגל געפלויגן
די וועלדער פארבײַ.

פארבײַ וועגן און שטעגן
און אומעטום פרייד,
אומעטום זיי אנטקעגן
באגריסט מען מיט ברויט.

נאָר געמיינט וואָלט דאָס ייִנגל,
עס כאָלעמט נאָך אלץ,
האָט דערלאנגט אים זײַן פרײַנט
ברויט א פענעץ מיט זאלץ.

און א שמייכל געטאָן אים,
און גאָרניט געזאָגט.
ס'האָט אין הייך די לעוואָנע
נאָר אײַליק געיאָגט.

די לעוואָנע אראיעם,
א רויִקע שײַנט;
לאָמיר נעמען לעכאיִם,
כאווײרים און פרײַנט.

די לעוואָנע וועט בלײַבן
די זעלבע אפ דר'ערד,
אָבער אונדז איז דאָ פריידן
און שטרײַטן באשערט.

איז כאווירים, די גלעזער
אפגיכער גערירט,
צוליב אײַך, מײַנע פרײַנט,
כ׳האָב די טישן סערווירט.

פאר דעם רײַטער דעם רויטן
און אויך פאר דאָס קינד, —
פאר דעם רײַטער דעם צווייטן
נעמט אלע אצינד.

און אין פרייד און אין קריג
פאר די שטאָלענע רייען.
מיר ווייסן נאָר זיג,
ווער עס זיגט, דארף זיך פרייען.

זײַ, מײַן ליד

זײַ, מײַן ליד—א פײַל פון בויגן,
זײַ דאָס ליכט פון מײַנע אויגן,
זײַ א מעכטיקע, א יונגע...
אונטער גיכן קלאַפּ פון רעדער,
פעלדער, וועלדער, טײַכן, סעדער,
און איך האָב אזוי געזונגען.
— ס'וואקסט מײַן לאנד און מײַנע טרוימען,
שענקען רײַפקײַט אירע טעג,
פון פעטן טױ עס וואקסן ביימער.
דיכטער וואקסן פון געשלעג...
און מײַן ליבע און מײַן צאָרן
בענטשט מײַן לאנד, מײַן זוניק־שטארקע,
ווערסטן שווינדן, ווערסטן פאָרן,
אָט איז דער וואָקזאל—און כארקאָוו.
פונדערווײַטן אן אָרקעסטער
הער איך שפּילט דעם ארבעטס־הימן,
און איך בין געוואָרן פעסטער,
ס'גריסט מוזיק—א גוטער סימען.
אז פאָרן, פאָרן מיר צוזאמען,
ס'פירט אונדז אלעמען איין צוג;—
זינגער מיטן פען, און זינגער מיטן האמער,
און פאָרן, פאָרן מיר אפן „יוג“.

ווערט מען אופגעלעבט בא וועגנס,
רייד, און פרייד, און שפאס, און רויש.
בעט איך צוהיטן מיין פעקל,
און כ'גיי אפן וואָקזאל ארויס.
זון און זון א ווונדער גרינגקייט,
פליגלען, דאכט זיך, ניט קיין אָרעמס,
אפ דער זיבעטער פלאטפאָרם
טאנצן יונגען א לעזגינקע,
א מעטאלענער אָרקעסטער,
און א דודע א גרוזינער,
פון די שלאָגלער, פון די בעסטע,
א בריגאדע א באקינער...
אין קובאנקעס אפ די שטערנס,
היטלען, שטיוול און שטיבלעטן,
ארבעטער און אינזשעניערן
פון די נאפט־גרובן די פעטע.
קומען קומט מען, פאָרן פאָרט מען,
טעג זיינען פון זון פארבלענדטע,
אפ עקסקורסיעס, קוראָרטן,
פראָלעטאריער און סטודענטן.
ווער ס'האָט צו טאָן מיט דער אינדוסטריע,—
קומט אפ פראקטיק אין טראקטאָרבוי,
ווער ס'דארף זינגען לידער לוסטיקע—
שעפט די לוסט געזונט און רוי.
זון און זון און גראָזן גרינען,
פליגלען, דאכט זיך, ניט קיין אָרעמס,
אפ דער זיבעטער פלאטפאָרם
די בריגאדע, די באקינער.
נאָענט א הארמאָן צעציט זיך,—
ס'פאָרן יונגען פון ארמיי,

און דער טײַוול ווײס — צופֿרידן
כ׳בין געוואָרן שטאַרק אַזוי.
די מעשענע טראָמפּייטן בליצן,
פֿון דאָרעמ־זונ א קוש, א ריר.
און א פֿײַערלעכן מיטינג
עפּנט אופֿ א קאָמאַנדיר.
וואַגאָנעס טשעפּען אופֿ זיך, בינדן,
צוגן גייען דורך, פֿאַרשווינדן.
קליינע קניפּ־רינגלעך פֿון שרויפֿן, —
מענטשן אײַלן, מענטשן לויפֿן...
צוועלף יאָר אַדורך — אַפּרעל, און מײַ.
ס׳קומט אונדזער זומער פֿול מיט גלויבן.
וואָקזאַל און רויש, און טומלערײַ,
דער קאָמאַנדיר פֿאַרענדיקט ריידן.
און אַפּסנײַ דעם אַרבעטס־הימן
הילכן הייך פֿון זיך די פֿײַפֿלעך,
זינגען אויס פֿון ברוסט די שטימען
און כ׳בין געוואָרן בא זיך שטײַפֿער.
— זאָלן די יאָרן האַסטיק שווינדן,
זיי שענקען אונדז געזונטע אַקסל,
ס׳זאָלן טעג מיט ווילד־פֿלייש ניט פֿאַרוואַקסן,
מיר וועלן זיי א לעבן צינדן...

איך האָב ווערטער האָלט ווי בליצן,
געדאַנקען — פֿײַלן אויסגעשמידטע,
דערפֿאַר ליב איך די שפּראַך פֿון לידער.
נאָר אָט הער איך אין רויש פֿון מיטינג
מײַן נאָמען, איך באַקום א וואָרט.
רויִק ווערט אַרום א רעגע,
און פֿול מיט פֿרייד, און פֿול מיט רעגונג

שטיי איך פלוצלינג אוף פון אָרט:
„קינדער הייבן אָן מיט מײַסעס,
זייער ערשטן טראָט אין לעבן.
ווערט זיי ענג אין שמאָלע הייזלעך,
ווערן פלייצעס שטארקער, גרעבער.
נו־קא, זאָגן זיי, א שפאן טאָן,
א פרווו טאָן אויסזועצן דאָס ליכט.
און וואָס ביסטו און וואָס בין איך?..
מע לאָזט זיך זוכן נײַע קאנטן.
א ליד אזא ווער וואָלט געגלייבט,
דאָס לעבן זינגט אליין ארויסעט.
און אָט פון גאָר דעם לאנד צעשיידט
זעען מיר זיך פלוצלינג גרויסע.
בויער,
ארבעטער
און זינגער,
קנעטער פון איין וואָר איין שיינעס.
כאווײירים, ניט פארגעסט זיך קיינמאָל,
אונדז וויל אין בלוט דער פײַנט דערטרינקען.
דעמאָביליזירטע פון ארמיי,—
מיר זײַנען מאָביליזירט אף שטענדיק,
ביז ס׳איז די וועלט צעטיילט אף צוויי,
ביז קלאסן־וועלט איז ניט געענדיקט.
מיר ענטפערן פאר זיך אליין,
מיר ענטפערן פאר דער געשיכטע״,—
א רעגע בלײַב איך רויק שטיין,
און קעלכער שטארקע און געדיכטע,
טוען הויך א וויג די לופט;
נאָר ניט לאנג קומט אויס צו ריידן.
אין וועג דער צוג גייט אָפּ, מע רופט,

און איך האָב זיך געמוזט צעשיידן.
„כאווערים פריַנט, ווו מיר זאָלן ניט זיַן,—
בויער,
ארבעטער
און זינגער,
ווי בליץ פון שיַן,
ווי אויג פון שיַן,
מיר וועלן שמידער זיַן,
מיר וועלן ברידער זיַן,
אונדז וועט דאָס מוטער־לאנד פארבינדן"...
און ס'איז געווען א טאָג אין זומער,
א הייסער, און א בלויער, און א ליכטיקער,
באגלייט מיט קלאנגען און מיט טומל,
מיט לידער און מיט רויש געדיכטן
האָט זיך דער צוג געטאָן א שטויס,—
און פעלדער, פעלדער ברייטע און צעגרינטע.
און פול מיט שטאָלץ האָב איך געקוקט אף הינטער
און פול מיט פרייד האָב איך געקוקט פאָרויס...

דער פויגל

באַ אַ ברעג פֿון טײַך דונײַ,
האָט געלעבט אַ פֿויגל פֿרײַ,
אײַ,
באַ אַ ברעג פֿון טײַך דונײַ.

ווערט אַמאָל דער שטראָם־גוס בייז,
ווערן וועלן שוימיק ווײַס,
אין שטורעם־דריי,
אין וואַסער־קרײַז,
ווי די וויכערס אופגערייצט
וואַרפן כוואַליעס זיך צום גרונט,
שטייען בלײַ־בערג אויף פֿון דעק,
זעען ווילד צעלאָזטע ברויז,
ברומען אויף פֿון דולער פֿרייד,
טוען זיך אַ טעמפּן שטויס
און יאָגן ווײַטער זיך אין ווײַט...

און דער פויגל פֿון דונײַ
גריסט דעם שטורעם
שטאָלץ
און פֿרײַ,
אײַ...

דער פויגל פון דונײַ...
פאַרבײַ פעלדז
און פאַרבײַ ברעג,
אומצופרידן פון געיעג
האָט געײַלט א יעגער—בייז;
ווייסטו, פויגל, בלײַ איז שווער.
פויגל, פויגל, שטילער ווער,
רופ ניט דרייסט,
ניט שאַל,
ניט שרײַ,
דעם יעגער איז זײַן האנט געטרײַ.
נאָר דער פויגל פון דונײַ,
האָט געקלונגען הויך און פרײַ,
אײַ,
דער פויגל פון דונײַ...

זאָל דיר זינגען יאנוואר...

ס'האָט נעכטן א שניי, ווי א ווארעמער דרימל,
א כאָלעם א ווײַסן געווייט און געווייט,
און הײַנט איז א בלויער און הויכער דער הימל,
און די ערד, ווי דער הימל, איז ווײַט און איז ברייט.

הײַנט דרעמלען די פעלדער אין שנייען בארוטע,
די שנייִקע רו איבער ראנדן פארגייט,
ס'דערקענט הײַנט מײַן קינד אף דער האנט פון דער מוטער
די ערשטע, די ווײַסע, די ערדישע פרייד.

ס'איז יאנוואר אין מײַן לאנד, גייט מען פעסטער פארצויגן,
ס'איז יאנוואר אין מײַן לאנד, שטעלט מען גיכער דעם שפאן;
שטעלט מען גיכער דעם שפאן, ברענען טיפער די אויגן.
הײַנט דרעמלט מײַן קינד בא מײַן פרוי אפן האנט.

אין א ווינטער אזא איז זײַן טאטע געבאָרן,
און ס'האָבן די באָרן געגריסט אים מיט ווינט,
און איבער די כאטקעס אין פעלדער פארלאָרן
האָט דער וויכער געוויינט ווי אן עלנטע קינד.

און איבער די פעלדער אין שנייען פארווייטע
די סאָסנע די איינזאמע האָט נאָר געהערט,
ווי עס האָבן געקלונגען די פראָסטיקע קייטן,
ווי שטום ס'האַבן העלדזער געשאָלטן די ערד.

„פון פעלדער ביז טונדרעס, ביז זון און בוראַנען
איז וועגן פאַראַנען און ווידער פאַראַנען...״
און ס׳דרייט זיך די וויגע און לאַכט בא מײַן טיר:
„נאָר וואָס פאר א וועג וועט געהערן צו דיר?״

איך וועל ווי א שטורעם הײַנט זינגען און זינגען
אין ווײַסער, אין ליכטיקער ווינטער־וועלט;
ניט קײַן פינצטערע בסורעס צעטראָגן די ווינטן,—
ס׳הערט אײַן זיך די איינזאַמע סאָסנע אין פעלד:

„פון טײַכן ביז טונדרעס, פון פראָסט ביז בוראַנען
איז וועגן פאַראַנען און ווידער פאַראַנען״...
און ס׳לאַכט אזוי הילכיק דער ווינט בא מײַן טיר:
„אך וויפל וועגן עס וואַרטן אף דיר״...

...נאָר אין גאַס איז יאַנוואַר און אף יעטווידן מויער
אף פריידיקע פאָנען א טראָפן פון קרעפ.
דאָס פריידיקע לאַנד און די פריידיקע בויער
דערמאָנען די קעמפער, וואָס האָבן געלעבט,

וואָס זײַנען אין פראָסט און אין גלײַכע וויוגעס
געפאַלן אין פעלדער פאַרשאָטן מיט שניי,
אז אופגיין זאָל ווען־עס־איז הויך אונדזער יוגנט,
ווי געוואָלט האָבן זיי, ווי געטרוימט האָבן זיי.

איך בייג אָן דעם קאָפּ,—זאָל ער שווײַגן א רעגע,
דער קאָפּ, וואָס פאר ווייען בייגט קיינמאָל זיך ניט.
און איך הער אין מײַן ליד קלינגען אָף יענע וועגן
מיט ווייטעק און דרייסטקײַט פון זייערע טריט.

...דו ביסט, מײַן קינד, פֿון די ייִנגסטע נאָך ייִנגער,
דיר איז אײַנגעגאַנגען דער ערשטער מעסלעס.
דײַן הײסער, דײַן ערשטער, דײַן ליכטיקסטער הונגער
אין דרעמל לײַכט זיך, לײַכט אויף און פֿאַרלעשט...

ליוליו, מײַן קינד, — ס׳וועט א צענדליק ניט ווערן,
ליוליו, מײַן קינד, דו וועסט אויסוואַקסן גרויס,
וועסטו פֿון שלאַכטן פֿון גרויסע דערהערן,
וועסטו אַליין אין די שלאַכטן אַרויס.

נאָר ווען־עס־איז שטיל, בא א בערגל א גרינעם
שטײן וועסטו בלײַבן א רעגע פֿאַרטראַכט, —
קעדיי דו זאָלסט שפּעטער א היים זיך געפֿינען,
זײַנען זיי דעמלט געפֿאַלן אין שלאַכט...

בייג אָן דעם קאָפּ, הער ווי ס׳זינגען די ווינטן
פֿון זייער שווערן און מונטערן גאַנג.
און טרעט נאָכדעם שטאַרקער, און שפּאַן נאָך געשווינדער, —
דאָס איז געווען זייער לעצטער פֿאַרלאַנג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

יאַנוואַר, ווי א פּראַקטיקע העלע דערמאָנונג,
זאָל דיר א מונטערן זינגען דער ווינט,
דיך היטן די פֿרײַנט, קענסט נאָך ניט די סאָנים,
ליר־ליו, מײַן אויפֿעלע, ליר־ליו, מײַן קינד.

א ציקל לידער

אייגנס

1

ס'גייט אפֿ דאָרעמ אָפּ דער צוג,
א צווייטער קלונג, א ווײַסער רויכל;
אלץ האָב איכ איג וועג געגוג,
פֿונ אלץ נאָר נעמ איכ מיט דײַנ שמייכל.

באלד וועט דער לאָקאָמאָטיוו
אינ לופֿטנ שיקנ ווײַסע גרוסנ;
ווארטנ נאָכדעמ וועסט אפֿ בריוו
אונ מײַנ זונ מײַנ שיינעמ קושנ.

ס'קלינגט מיט יוגנט איצט מײַנ קאָל,
צו דרײַסיק איז מיר קנאפּ פֿארבליבנ;
איכ, נאָר וואָס איכ ליב אמאָל,
כ'האָב ליב, אונ וועל א לעבנ ליבנ...

2

ס'האָט דער באַנ געדירט זיכ באלד,
מיט אָפּשייד בליקנ א באגלייטער;
נאָכדעמ איז געקומענ וואלד
אונ נאָכנ וואלד א שטאָט א צווייטע.

אין הימל האָט די זון געברענט,
עס האָט א דינער שטויב געפּלאַטערט;
און מײַן קינד אַף דײַנע הענט
האָב איך געהערט אַלץ רופן „טאטע".

ס'האָט געזונגען גאָר דער ווינט,
דער זומער־ווינט פון פעלד פון ריינעם;
ס'האָבן גראָזן גאָר געגרינט
און שטיל האָבן געדרעמלט ביימער.

3

מײַן קינד, ס'איז דיר דאָס דריטע יאָר,
דײַן אויג אין זיסן כאָלעם טײַעט,
און ווער דו ביסט, ווער ווייס נאָך קלאָר,
איך ווייס נאָר ווי דו ביסט מיר טײַער.

און ווי דו ליבסט מיך, פיל איך אויך,
ווי ס'ליבט א קינד אין יאָר אין דריטן,
נאָר איך האָב דיך פון פלאַם, פון רויך,
פון קיינעם ניט געדאַרפט פאַרהיטן;

דײַן מוטערס וואכנדיקע האנט
דײַן פרייד און דײַנע שפּילן גריסן,
און מיר, א קינד, מײַן מוטער־לאַנד
האָט אָפּגעגעבן איר לעצטן ביסן.

4

ס'איז ציטעריק דער ערשטער טראָט,
ס'איז סוידעספול דער וואָרט דער ערשטער;
נאָכדעם ציט דיך אַף בארג,
און הײמלעך ווערן דיר די ווערטער.

נאָכדעם גיכער פונעם קלאַנג
נאָך וועג א וועג—ניט אויסצומעסטן...
נאָר אין סאמע שנעלסטן גאנג
דערמאָנען מיר א פרייַנט, א שוועסטער.

אן אלטע שטוב, א סאָסנע־טיר,
א לייַכטנדיקע, פריִע וועסנע...
דיך, מייַן לאנד, געדענקען מיר,
ווייַל בלינדע נאָר דאָס ליכט פארגעסן.

5

פאר בלינדע זאָלן זייַן די נעכט,
און אונדז די זון זאָל אייביק טאָגן!
נאָר דו, מייַן לאנד, דו האָסט דאָס רעכט
דעם נאָמען מוטער־לאנד צו טראָגן.

האָסט שוין דעם נאָמען דאן פארדינט,
ווען אונטער פלאמען פון צעשטויבונג,
האָסטו געטרוימט, אז דייַנע זין
זאָלן בארימט זייַן און דערהויבן.

מיט בראָכע איז געוועזן דייַן ברויט,
לאנד מייַנס—פינפעקיקער שטערן!
דייַנע זין, געזונט און ברייט
עס קומען הייַנט דייַן רום פארמערן.

6

און ס׳האָט געזונגען מיר דער ווינט,
די שטאָלענע, די פלינקע רעדער
האָבן זיך געדרייט געשווינד,
און דורכגעטראָגן וועלדער, סעדער.

אין די וועלדער האָט געגרינט,
אין פעלדער האָט געצייַטיקט קאָרן;
און ס'האָט געזונגען מיר דער ווינט,
און אָנגעזאָגט, אז ס'איז שוין דאָרעם.

די זון איז אין וואגאָן אריַין,
א גאָלדענע, אַן אָנגעגליטע,
ווי יוגנט פרייד, איר העלע שיַין
האָט אופגעוועקט אין מיר די לידער.

7

אונדזער זון, ביסט לידער ווערט,
אונטער דייַן העלן ליכט געבאָרן
איז דער, וואָס ווארעמט אונדזער ערד,
ווי ס'ווארעמט נאָר א טאָג אפ דאָרעם.

האָסט אונדז געלייַכט אין שווערן גאנג,
די ערד אונדז אויסגעשפרייט אין גראָזן,
ווען מיר האָבן דעם פייַנט, דעם שלאנג,
געטויט, געטראָטן און געשאָסן.

דו גריסט מיט פרייד אצינד מייַן קינד,
און ברענסט און שייַנסט און ווערסט ניט עלטער...
און ס'האָט געטראָגן זיך געשווינד
דער צוג דורך טאָלן און דורך פעלדער.

8

באַם וויַיטן ראנד—א בלויער רויך,
דאָרט גיסן אופ זיך יאַם און הימל,
באַם ברעג די פעלדזן שטייען הויך,
און זעגל־שיפלעך רויק שווימען.

דער יאַם פֿאַרגייט אין בלויען רויך,
מײַן זעגל־שיף די ווינטן בלאָזן;
מײַן פֿרײַנט, מיט מיר ביסטו איצט אויך
אין יאַם, אָן פֿרײַנט, ווער קען זיך לאָזן.

דער יאַם איז ווײַט, דער פֿעלדז איז הויך,
און איבער אונדז — די זון אין פֿלאַמען;
מײַן פֿרײַנט, מיט מיר, ביסטו איצט אויך,
אָן פֿרײַנט, ווי לאָזט מען זיך אין יאַמען.

9

דער רײַפֿער אויגוסט שיקערט אײַן,
זײַן שטאַרקן מעד ניט אויסצושעפּן.
ס'פֿאַלט פֿון אַ צווײַג אַראָפּ אַ דאַנק —
אַ טראָפּן טוי, אַ רײַפֿער עפּל.

די לופֿט איז ריין, די ערד איז קלאָר
און ווײַנטרויבן מיט ווײַן שווין קוועלן.
עס ווערט מײַן היימלאַנד צוואַנציק יאָר
אין אָט דעם האַרבסט דעם גינגאָלד־העלן.

צו דר'ערד זיך בייגן שטיל אַראָפּ
די דאַנקבאַרע, די רײַפֿע זאַנגען;
און איך הייב העכער אויף מײַן קאָפּ,
ווען איך בין דאַנקבאַר.

אין גאס איז יאנוואר

„איך בין א יונגער.
איך בין א יונגער".—
אזוי האָב איך ווינטער
אין פעלדער פארשנייטע
בא וועגן געזונגען.

קאָנטיק א וואָלקן
איז אויך געווען פילבאר,
האָט ער מיין שטימונג דערהערט
און האָט א שאָט געטאָן
ליכטיקן זילבער—
טונען מיט שניי אפ דער ערד.

אך, סארא שניי,
סארא זיסער און ווייכער,
גלייך ווי ס'וואָלט קומען דאָס גליק אומדערוואַרט.
איך בין שיקער פון שניי
און עפשער דיין שמייכל
פארשיקערט מיך צארט.

אין אזא ווינטער האָב איך דיך באגעגנט
געשענקט האָסט א זון אין א ווינטער־טאָג מיר.

אין אזא ווינטער־טאָג, דוכט מיר, דאָס לעבן
איז אויך אזוי שיין—ווי דײַן ערשטער באריר.

ביסט מיר, טײַערע, ליב,
ס'זײַנען ליב מיר די יאָרן,
וואָס לויפן און לויפן,
איך שפאן מיט זיי מיט,
באלד וועט א קרעפטיקער
קומען מײַן אייכל
און וועט פארציִען
זײַן אייגענע ליד.

ער וועט א פריידיקער זײַן
און א יונגער,
און זי,—אונדזער ערד,
ווערט דאָך קיינמאָל ניט אלט,
און איך האָב אין פעלדער אין ברייטע געזונגען,
און שטיל כ'האָב געהערט ווי א שניי אף מיר פאלט.

אין א פאַרנאַכט

אמאָל,
אמאָל,
שוין זייער לאַנג,
ס'איז דאַן געווען אויך זון־פאַרגאַנג;
אַן אָנהייב הארבסט,
א וואַלד אין גאָלד,
א דאָרף א שטרויענער אין טאָל,
א קאָל־וואראָט.
א קינד א קליינס,
און ס'קוקן אויגן צוויי פאַרבענקט,—
עס גייט דער וועג צום וואַלד אראָפּ.
אין ווײַטער ווײַט דער וועג זיך לאָזט,
און ליכטיק לײַכט באַם קינד אין קאָפּ,
און טונקל ברענט עס א פאַרדראָס,—
ס'איז דאָרטן שיין,
ס'איז דאָרטן שיין,
און ס'קוקט דאָס קינד
און ווייס ניט וואָס...

איך גיי,—
א וועג א ברייטער פירט,
באַם וועג א וואַלד
און א קאָלווירט.

און ס׳גייט דער וואַלד
צום באַרג אַרויף,
און ס׳גייט די זון
פון באַרג אַראָפּ,
און מיט דעם וועג
זיך קערן אום
קאָלווירטניקעס
אהיים אין דאָרף...
אין דאָרף דאָס ברויט
אין סקירדעס שטייט.
אין גאָלד געשטריקט
דאָס דערפל ליגט...

דו גייסט,
וווּהין זאָלסט ניט אַרייַן,
אין וועלכער שטוב זאָלסט ניט פאַרגיין,
וועסטו אַ גאַסט אַ גוטער זייַן.
וועט מען באַגעגענען
מיט ברויט
און מיט אַ קובאָק
פרישן וויַין...

זיקאָרן מייַנער,
העלער ברען,
אָט דעם פאַרנאַכט האָב איך געזען...

צווייטער אָפּטייל

געוואונענע שלאכטן

יאָרן

I

שטויב
און אש,
און ווערסטן ראשיקע,
כורוועס,
זאמד,
און מיטן טראָט—
„סאָלאָוויי, סאָלאָוויי פטאשעטשקא,
קאנארייושקא זשאַלאָבנא פּאיאָט“...

און אונטער „קאנארייושקא“
און אונטער „סאָלאָווייושקא“
גייען זעלנער מיד,
און איבער „קאנארייושקא“
און איבער „סאָלאָווייושקא“
זינגט דאָס בלײַ א ליד:

„קײַן קנעכט,
קײַן פּיס,
קיין אווער,
אין רוסלאנד פעלט ניט אויס.
טרײַע, פּראוואָסלאוונע,
אפּן פּײַנט פּאָרויס“.

נאָר שטארבנ גייט זיך אומגערנ,
עס ווילט זיך גאָר ניט הונגערנ,
עס בייגנ זיך די קני,
דאָס לעבנ איז פארוואָגלט
און דער סוינע האָגלט...
„באָזשע צארא כראני״...

II

צו אכצנ יאָר איז ניט קעדייַ
דעמ קאַלטנ זאמד צו גריסנ;
אלדזינ באליינענ האָט מענ בלייַ
געגעבנ און א ביקס צומ שיסנ.

א שווערנ רימענ אפנ בויך,
אפ קאלטנ זופ — א קעסל;
פאר ווערעמ וועט נאָך קלעקנ אויך,
דערווייַל זאָלנ די לייַז דיך פרעסנ.

צו וואָס גייט אופ די זונ, פאר ווענעמ,
אויב פאר יוגנט ברענגט זי לייד?
צו וואָס די אויגנ אונטער ברעמענ,
אויב ס'לאכט מיט לעכער צוויי דער טויט?...

נאָר אומדערווארט האָט א דעקרעט
פונ יענע טעג דעמ אייַז געפלעט:
„אראָפּ דער קייסער ניקאָלייַ,
און אלע מענטשנ זייַנענ פרייַ״.
אויב אלע מענטשנ זייַנענ פרייַ,
צו וואָס־זשע דארפ מענ שרויט און בלייַ?
נאָר ס'האָבנ טאָג און נאכט געוואכט
אינ גאנצנ לאנד די באָלשעוויקעס.

זיי האָבן געפירט אין שלאַכט
דאָס פאָלק קעגן די אונטערדריקער.
פון דאָרף צו דאָרף פון שטאָט צו שטאָט,
זיי זײַנען אין די זעלנער־טיילן,
לעניִנס פלאַמענדיקן וואָרט
געגאַנגען איבער לאַנד דערציילן:

„די פּויערים — די ערד,
די הונגעריקע — ברויט,
די אַרבעטנדע — מאַכט,
די אונטערדריקער — טויט“.

און איינמאָל אין זײַן טייל פאַרנאַכט
דאָס וואָרט דערהערט האָט אויך אַלדזין.
אַ יונג האָט שמייכלענדיק געבראַכט
צו טראָגן עס מיט זיך אַהין.

דער קלאַנג האָט זיך געשפּרייט,
געוועקט, געפלאַמט, געברענט;
דער זעלנער האָט די ביקס
געדריקט אין זײַנע הענט.

נאָר ווי די פרייד און צאָרן
וואַקסן ברייט און יונג.
פלוצלינג בלאַנקע שפּאָרן
טוען דינג אַ קלונג.

— „ברידערלעך סאָלדאַטן!
אַ רעגע ניט גערוישט“.
גלאַטע, שוואַרצע פראַקן
וואַקסן נעבן אויס.

זיד,
זוד,
ווענד,
די קאַלאָנע ברענט.
ס'וויגט זיך די קאַלאָנע:
„ברידערלעך, סאָלדאַטן,
אין זייער טאַטנס טאַטן...
ווידער אַפּ מילכאָמע".

ס'ווילן מער ניט שטיין
די זעלנער אַפּן אָרט,
דלאָניעס דריקן בליַ,
דער געברום ווערט פריַ.

און מיטאַמאָל — באַליין, —
... אַ סאָלדאַט אַ וואָרט!

אַ שינעל אַ גרויער,
אַ שינעל אַן אַלטער,
נאָר אין שאַרבן גרויסע
אויגן צוויי באַהאַלטן.

אויגן גרויע, גרויסע,
און אַליין אַ יונגער.
ס'הערן אויף צו שטויסן
זיך די זעלנער־יונגען.

„ברידערלעך, סאָלדאַטן!
מיר זיַינען זיי „בראַטישקעס"..
יאָלדן אין די פראַקן,
יאָלדן אין מאַנישקעס.

אזוי זייַנען מיר כלאַפּעס,
מע וויל מיט אונדז ניט ריידן, —
און פון די אַקאַפּעס
גלייַך גיי אין גאניידן...

פאַר אונדזער פרייד נאָר לעניג
פירט אונדז אינעם שלאכט.
לעבן זאָל דער לעניג,
וואָס האָט אונדז מוט געבראכט,

מיר זייַנען מיט די ציינ
גרייט די שווערדן שארפן,
און נאָך אים אליינ
זיך אינ געראנגל ווארפן".

ווער ס'איז אוועק מיט ווייַטע פלאמען,
קומט מיט דער ליד אפסנייַ צו גיינ.
וועני ס'קומט דער הארבסט אינ דערפער גראמע,
דערמאָנען מיר אלדוינ באליינ.

דערמאָנען מיר באטראקעס יונגען,
סקירדעס גאָלדענע, א נאכט.
א שפעטער הארבסט האָט דאנ געזוּנגען
מיט ערשטנ זיג פונ גרויסנ שלאכט.

אין פּאַרטיזאַנער

א בלינדער פּאַסטעך האָט פאַרגעסן
הינטערן וואַלד א רויטע זון,
און איינגעדרעמלט אין פּאָליעסיע
מיט הייזלעך גרויע א טאַבון.

דרעמלט דער טאַבון. די טאַנען—
ברונעמער פויען אים אָן מיט רו;
און א דאָרף ווייס נאָר—פּאַראַנען
איז א דאָרף נאָך ערגעץ־וווּ.

ס'שטומט דער קאַנט אין פּוילער פּוסטקייט,—
וואַלד אין וואַלד און באָר אין באָר,—
באַנאַכט פון בעלאָוועזשער פּושטשע
ווערן וועלף אַהער געוואָר.

גאַנץ פּאָלעסיע האָט אין מאָכן
פאַרבראָכן זיך די רעכטע האַנט;
נאָר ווו איז עלנטער א דאָרף נאָך
ווי אין מאָזירער קאַנט?

ווייט א באַן—אַף הונדערט ווערסטן,
ווייט א שיף און ווייט א שטאָט;
וואַלד און זומפּ ניט אויסצומעסטן,
ליגן דאָ נאָר אַף באַראָט.

ווּ איז נאָך ווײַסרוסלאַנד סומנער?
נאָר אין אויג איין העלע טרער, —
די באָלשעוויקעס וועלן קומען —
און ס'וועט קומען פרייד אַהער.

דעם גליוער וועלן זיי צעשמעלצן,
ס'וועט ניט ווערן דאָ קיין נויט,
און נאכט נאָך נאכט א נײַער פעלצל
אין וואלד, אין פּארטיזאנער גייט...

שווײַגט מענ א מינוט

ווײַסקײַט פונ די שטערנ,
בלויקײַט פונ דער נאכט,
פירנ צווישנ זיכ
א ציטעריקנ שלאכט.

שטאמענ אפ די וואָרצלענ,
פייגלעכ אפנ שטאמ
דרעמלענ אונטער זייער
ציטעריקנ פלאמ.

נאָר אנ אלטע צווײַגל,
א בלעטל ווו־ניט־ווו,
נאָר א סומנע סאָווע
ברעכט ווענ אײַנ די רו.

אינ דער רו דער ברייטער
שטרענג אונ אופגעהעלט,
קומט אָנ א לעווײַע
שטומ אינמיטנ פעלד.

אינ די הויכע הימלענ
הייבט זיכ אופ די בלוי;
אפ די גרויע סוויטקעס
פאלט א ווייכער טוי.

אפ די שטרענגע ביקסן
אזא דינע שײַן, —
א פארטיזאן געפאלן,
זעגענען זיך פרײַנט.

בייגט מען שטיל די קעפ אָן,
טוט מען זאמד א שאָט.
נאָכן לעצטן רידל
שווײַגט מען א מינוט.

אָרעמע כאלופעס,
ס'וועט נאָך גוט זײַן, וויל.
פארטיזאנער גייען
קעגן ווײַסן פויל...

קעגן פאַן

ווײַסע פוילן רײַטן אין אַ ריט־געריײַט,
סאַבליעס אַף די רימענס, רימענס אַפן זײַט.
„פויערים פאַרויכערטע — גרויע הויפן מיסט,
גייט אַרויס אַנטקעגן אונטערטעניק גריסט״;

שוואַרץ זײַנען די טלאָען באַ די פערד פון וועג,
באַ די פערד די ליפּן זײַנען רויט פון בלוט;
„ווער האָט זיי געזען, ווער האָט זיי געהערט,
די פּאַרטיזאַנער קענט איר און איר ווייסט דאָך גוט״.

איבער דאָרף די רײַטער — ווינטן אַפּדערפרײַ,
אונטער אַלע פענצטער יאָגן זיי פאַרבײַ.
און פון אַלע הײַזער — יונג און גראָ, און גרײַז
טרײַבן זיי צוזאַמען אין אַן ענגן קרײַז.

„ענטפערט אָפּעט גיכער, ענטפערט אָפּעט גלײַך,
באַקענט זײַנען דאָ זיכער די פאַרטיזאַנער אײַך.
ווו, אין וועלכע וועלדער בלאָנדזשען זיי איצט אום?״
ס'בייגן זיך די קעפּ, די סוויטקעס בלײַבן שטום.

— פאַנעס באַרעמהערציקע, פונוואַנען ווייס אַ כלאָפּ, —
רופט זיך פּלוצלינג איינער אין דער שטילקײַט אָפּ.
קאָנטיק אין די וועלדער איז זיי אויכעט שווער,
דאָך ווײַזט אויס געפעלט זיי דאָרט דער לעבן מער.

פון פארדראָס דער פּאָרעצ טוט די ציינ א קריצ,
טוט דער פערד א שפּרונג, טוט זייַנ האנט א שמיצ.
אונ פון פויערס האָר — א רויטער טראָפּנ ווײ
קייַקלט ווי א פונק אראָפּ זיכ אפנ שניי.

סוויטקעס, גרויע פעלצלעכ,
שניי אונ קאַלטער וועג.
איַנ די וועלדער גייט מענ
יעדע נאכט אוועק...

צו די נײַנצן־יאָריקע

אָנברעגיקער,
ברויזיקער
גוס,
איך הער
דײַנע פלאַמיקע
שטימען;
אײַך,
נײַנצן יאָריקע,
הײַנט
מײַן גרוס
אפ דער ערד
און אין הימלען.

די ערד איז אין אונדזער רעשוס,
די צוקונפט אין אונדזערע הענט איז.
און מונטער עס שפּאַנט אונדזער פוס,
איבער לאַנד, וואָס איז ברייט און אומענדלעך.

אין אונדזערע הערצער איין דראַנג, —
נאָר די זוניקע ראַכוועס דערקענען,
אַז אונדזער פאַרשײַטער געדאַנק
זאָל זיי מאַכן נאָך שענער
און שענער...

אין אונדזערע אויגן א פרייד, —
עס גייען די קינדער אין שולן;
מיר וועלן מיט האָניק און ברויט
אונדזער מעכטיקן לאַנד
איבערפולן.

מיר וועלן דעם ליכטיקן וואָר,
ווי א טרוים ווי א ליכטיקן, וועבן,
מיר וועלן דעם נײַנצטן יאָר
טראָגן שטאָלץ
אינעם לאַנד,
וווּ מיר לעבן.

אף לעבן אין פרייד
און אין מי
מיר האָבן דאָס רעכט זיך דערוואָרבן...
אין סאמע אין קרעפטיקן בלי
פאר דעם איז ניט איינער געשטאָרבן...

אף לעבן אין מי און אין פרייד
מיר האָבן דאָס רעכט זיך פארזיכערט;
און יעטווידער רעגע איז גרייט
אונדזער פויסט
קעגן סוינעס רעציכע.

ס'איז אונדזער לאַנד —
אונדזער האָב,
זאָל עס פרווון דער סוינע פארשוועכן!..
דער סוינע דער דולער זײַן קאָפּ
וועט אף אייביק שוין דענסטמאָל
צעברעכן.

פעלדער, זינגט!
פרייט זיך, פרייַנט!
פליִער, פליט!
נעמט די פלאסטן נאָך טיפער, שאכטיאָרן!
איַיך, נייַנצן־יאָריקע, הייַנט
מייַן גרוס איבער לאנד איבער גאָרער.

1936 יאָר.

סטאַלינס שוועל

ס׳האָט דאָן
א פּראַקטיקער טרויער
געדריקט ווי א שטיין אונדזער ערד; —
ס׳איז געלעגן דאָן לעבן אין אָרן;
און דאָן האָט מײַן ריזיקע היימלאַנד
א שטאָלענע שוועל דערהערט.
דאָס האָט סטאַלין
געשוואָרן.

אויב ס׳טרויערט אזוי ווען א לאַנד,
טרעפט עס
איין מאָל
אין טויזנטער יאָרן.
דעם טרויער נעם אָן מיטן האַנט,
און דאָן
האָט זיך סטאַלין
געשוואָרן.

געוואָרט האָט מײַן לאַנד אף א רוף,
וואָס זאָל ווײַטער אים פירן דורך יאָרן
און דאָן האָט צעטרייסלט די לופט
א שוועל, —
ס׳האָט סטאַלין געשוואָרן.

און דאַן
איז פון לאַנד מיטאַמאָל
דער סוינע —
דער טויט
ניט געוואָרן.
דערהערט האָט דאָס לאַנד לעגינס קאָל —
באַם קרעמל
האָט סטאַלין
געשוואָרן.

לעניִנ לעבט מיט אונדז

וואָס איז שיין?
דעם טרוים, וואָס האָט דיַינ שפּאַנ געמונטערט נעכטנ,
זענ היַינט אינ אויסגעשלייפטנ שטיינ;
די טריט מיט הילכיקנ געלעכטער
אָנפילנ, — און וויַיטער גיינ,
און גיינ,
אָט דאָס איז שיינ.

נאָר הייבנ הייבט זיך אָנ אזוי —
א גאַס,
און הוילע ווענט,
און קופּעס אש,
און ס׳בלאָנדזשעט אום א קינד אפ בערגלעך שטומע.
אפ די כורוועס גרינט דאָס גראָז,
אינ דאָס קינד ברענט א פאַרדראָס,
און ס׳רייַסט זיַינ קאָל און גיסט זיך אָנ מיט דונער,

דאָס לאַנד האָט ווייניק ברויט,
דער סוינע ווינשט אים טויט,
מיט הייסער ליבע שפּיַיזט דאָס לאַנד דעם ייִנגל.
און ס׳קומט אָנ יאָר נאָך יאָר,
און גייט,
אינ ס׳וואַקסט דאָס קינד געזונט און ברייט,
דאָס קינד וואַקסט בא זיַינ גרויסנ קלאַס א זינגער.

ניט נאָר ס'הייבט אוף דער קלאַס
דעם זינגערס קאָל,
דעם זינגערס קאָל דער קלאַס דערציט.
און ביז עס וועט אמאָל
א דונער טאָן מיט פולן באַס
זײַן האַס און ליבע אָנגעגליט, —

נאָך דאַן, אין צימער פון צעקאַ,
דערקאָנט מען שוין זײַן נײַע ליד...
אהער אין צימער קומען יונגען
פון פאַבריק,
פון דרוקערײַ,
ס'איז קינדיש יונג נאָך זייער בליק, —
קיין צוואַנציק קיינעם ניט פאַרבײַ.
און אײַנעמען, איז זייער דראַנג,
די שטאַרקע פעסטונג פון געזאַנג.

מיר דאַרפן ווי דאָס לעבן זינגען פראָסט,
פראָסט אַזוי דאָס האַרץ זאָל טאָן א ציטער,
פון די זעלבע צימערן אין פראָסט,
אין ווינט,
אין וויוגע
און געוויטער,
אונטער פעסטע פויקן־קלאַנגען
איז מען קעגן טויט געגאַנגען..

די קאָמיוגיסטן — אין פאַרטיי,
די אָנפאַנגער — זײַנען געוואָרן דיכטער,
אף ברידער־קוואָרים — פאַלט א שניי,
און אף דער ערד איז ליכטיק, ליכטיק...

אזוי ליכטיק קענ נאָר זײַנ אינ טרוימ,
נאָר ס׳איז דאָכ יענע גאָס,—כ׳דערקאָנ זי, —
ניט קיינ אש,—נאָר שלאנקער שטיינ,
אונ לעניג שמייכלט פונ דער בראָנזע.

זינג אונ זינג,
אונ אפנ גאס איז פראָסט,
נאָר שניי אונ פראָסט,
אונ מענטשנ גייענ פונ דער ארבעט...
ס׳איז אזוי געוויינלעכ,
אונ דאכט זיכ אזוי פראָסט,
עס האָט א מענטש געלעבט,
אונ אלע מענטשנ שטארבנ...

נאָר איכ וויל היינט אינ טויט, אינ קאלטנ טויט ניט גלייבנ,
צארטע ווינטנ שוועבנ,
טראָפּנס ווײַסנ זילבער
זייענ זיי פארקלערט.
לעניג האָט געלעבט,
ער וועט דאָ אייביק לעבנ,
ביז עס וועלנ מענטשנ לעבנ אפ דער ערד.

איכ בינ היינט פארפלייצט מיט פלאמיקע געפילנ...
די שענסטע טרוימער גריסנ אונדזער שליאכ.
זיי הייסנ שפאנענ אונדז,
זיי לערנענ אונדז זיכ צילנ,
זיי הייסנ זינגענ אונדז,
אונ קעמפנ,
אונ זײַנ וואכ.
איז גוט, מײַנ הארצ,
א לעבנ זאָלסט ניט שטילנ...

1933 יאָר.

צום אָנדענק
פון כ׳ אָרדזשאָניקידזע

קאַלטער ווינטער, גרויער שניי,
ווײַסע הימלען, שוואַרצע ווײ.
ס׳וועט באַלד יונגער פרילינג זײַן,
טאָג וועט העל די זון אַ שײַן;
מילד אַ הויך טאָג וועט דער ווינט,
און די ערד וועט ווערן גרינ.

וואָס־זשע דריקסטו מיך אַזוי,
טיפער ווייטעק, שטומער ווײ?
... באַ דעם גרינעם פרילינג־שײַן,
וועט סערגאָ מיט אונדז ניט זײַן;
ס׳וועט ניט זען מער סערגאָ
ווי די הימלען זײַנען בלאָ,

פרילינג. מיט דער זון באַגריסט
קומט אינ פעלד דער טראַקטאָריסט,
מיטן אווגוסט הויך און קלאָר
קומט אינ פעלד דער קאָמבײַניאָר, —
דײַנע זין זײַנען עס דאָ,
לעבן וועסט אינ זיי, סערגאָ.

רו פונ לאנד זאָל זײַנ פארהיט,
דער פילאָט אינ הימלענ פליט,
אונ די גרענעצ־וואכ איז גרייט,
דער שאכטיאָר אינ שאכטע גייט, —
ס'איז דײַנ מי ניט ווייניק דאָ,
לעבנ ווּעסט אינ אונדז, סערגאָ.

כאָטש די ווײ באזיגנ, כ'ווייס,
ניט אימשטאנד איז איצט מײַנ טרייסט.
דאָכ איז אויכ א טרייסט פאראנ,
א גרויסע טרייסט, — עס בליט דאָס לאנד;
פאר אָט דעמ לאנד איז מײַנ באגער,
דאָס לעבנ אָפּגעבנ ווי ער.

אויסדערווײַלטע

ווי א מאיאק,
דער קרעמל האלט די וואך:
דאָס גאנצע לאנד איז איצט אין מאָסקווער קרעמל;
און ס'דוכט זיך, לעניִן
אין דער בלויער ווינטער-נאכט
האָט אופגעעפנט שמייכלענדיק די ברעמען.

אויסדערווײַלטע פון מײַן לאנד,
א גוטער אָוונט אײַך!
עס קלינגט א קאָל
און אלע הערן,
שווײַגן...
און אין דער רויִקייט איך זע
ווי ס'ברויזט דער דנעפּער טײַך,
ווי אין פערגאנגע גיסן אָן זיך עפּל אף די צווײַגן...

ווו וויסטעניש געוועזן איז —
הויכט פון ביימער צוויט,
ווו טריקעניש געוועזן איז, —
הער איך שטראָמען זידן.
און לעניִן גייט אריין מיט גיכע, שטילע טריט
און אף די פּאָרשטייער פון פאָלק ער טוט א קוק צופרידן.

זיי זיצן זיכערע אין קרעמל־זאל אָט דאָרט,
דאָס פאָלק האָט זיי די פולמאכטן געגעבן;
מיט איין באגער,
מיט איין פארלאנג,
איין הייסן וואָרט —
נאָך שענער מאכן, גליקלעכער דאָס לעבן.

דאָ זיצט דער קאָניוך און דער מוזיקאנט,
דאָ זיצט דער רוס און דער ארמענער,
דאָ זיצט דאָס גאנצע, פילשפראכיקע לאנד,
וואָס האָט פארברידערט אָט דער מאָסקווער קרעמל.

און צווישן זיי,
מיט זילבער אין די האָר,
אָנגעטאָן אזוי ווי אלע,
דעם, וואָס אלטע קענען,
קינדער וויסן קלאָר,
דעם, וואָס אלע רופן אָן מיט ליבע—סטאלין.

ס'איז ווינטער,
און עס קלינגען מײַנע טריט,
און גאסן גייען מיט,
און פלעצער ווערן גערעמער...
כ'בין אויך מיט אײַך,
און מונטער איז מײַן ליד,
כ'בין דאָרט מיט אײַך,
מיט אלעמען צוזאמען.

אינהאלט

ערשטער אָפּטייל.

נאָכ שענער

זײַט.

צו דער ווײַט 5
מיר זײַנענ הײַנט פאסטעכער . 6
מײַנ שטערנ 8
מײַנ וואָרט. 9
לידער 10
רעגעס. 12
אָט אזוי הייבט זיכ אָנעט דאָס ליד 13
שטייט אופ 15
צווײ וויג-לידער 17
ארומ יאמ 19
שיינ איז דאָס לעבנ . . 21
שטארק זײַנענ בא אונדז די אקסלענ 22
שטײַג 23
צומ הימל 24
בא ברעגנ קרימער 26
שנײעלעכ 27
קינדהײַט 29
זינג מיר אויס די גרויסע פרייד 35
ווי מײַנ טאטע פלעגט מיכ אײַנ-
לייגנ שלאָפנ 37
ווי איכ לייג אײַנ שלאָפנ מײַנ זונ —
א וויג-ליד 39

זײַט.

אָט פארוואָס 41
קינדער אונ טויבנ 42
פרילינג. 43
ערעוו א שטורעמ 44
צו מײַנע פרײַנט 46
זומער 48
זאנגענ זינגענ 50
הארבסט 51
גערעטעניש 52
דער אָנטרײַבער רירט ניט די
לייצעס. 55
איכ פיל— מיר ווערנביידע עלטער 56
דער יאמ פארגייט אינ בלאָע רויכנ 58
טײַערע. 59
כ׳האָב געוואָלט. 60
אינ א נאכט אינ א בלויער. . 62
זײַ, מײַנ ליד 67
דער פויגל 72
זאָל דיר זינגענ יאנוואר . . . 74
אייגנס (א ציקל לידער). . . . 77
אינ גאס איז יאנוואר 82
אינ א פארנאכט 84

צווייטער אָפּטייל.

געוווּנענע שלאכטנ.

יאָרנ 89
אינ פארטיזאנער 94
שווײַגט מענ א מינוט . . . 96
קעגנ פאנ 98
צו די נײַנצנ-יאָריקע 100

סטאלינס שווּע. 103
לענינ לעבט מיט אונדז. . 105
צומ אָנדענק פונ כ׳ אָרדזשאָ-
ניקידזע 108
די אויסדערווײלטע 110

רעדאקטאָר — ז. צירלינ

קאָרעקטאָר — מ. יעשורינ
טעכרעדאקטאָר — בעלקינ

אָפּגעגעבנ אינ דרוק 25/VII—38 י. אונטערגעשריבנ צומ דרוק 2/II—39 י.
צאָל דרוק-בויגנ $3^1/_2$. פאפיר $108^1/_{32}\times70$. צאָל צייכנס אינ א דרוק-בויגנ 32.000.
טיראזש 1000 עקז. באשטעלונג נומ. 3738. באפולמ. פונ גלאווליט 83—Г.
פאראנטוואָרטלעכער קאָרעקטאָר פונ דרוקערײַ — קארסיק.

מינסק, דרוקערײַ א. נ. סטאלינ.